# (ייִדישיסטישע) שפּראַך־פּלאַנירונג(ען)

אינעם 19טן און 20טן יאָרהונדערט

## א. דעפיניציע פֿון שפּראַך־פּלאַנירונג

א. דער באַוווּסטזיניקער, כּיוונדיקער און סיסטעמאַטישער אַרײַנמיש און די מאַניפּולאַציע פֿון דער פֿונקציע, סטרוקטור און/אָדער דערלאַנגונג פֿון אַ שפּראַך

ב. אַזאַ פּלאַנירונג איז צום מיינסטן אַ טייל פֿון אַ פּאָליטישן פּראָיעקט

ג. שפּראַך־פּלאַנירונג ווי אַ טייל פֿון ״נאַציע־פּלאַנונג״ איז אַ וויכטיקער פֿאַקטאָר פֿאַר דער שאַפֿונג, דעם אויפֿהיט און פֿאַרשאַפֿונג פֿון נאַציאָנאַלער אידענטיטעט און אינטעגריטעט

ד. אַלוועלטלע דערשײַנונג וואָס באַזירט זיך אויף סײַ אידעאָלאָגיש־נאַציאָנאַליסטישע סײַ פּראַגמאַטישע פֿאַקטאָרן

## ב. צילן פֿון שפּראַך־פּלאַנירונג

- ראַטעווען פֿון אַ שפּראַך
- טראַנספֿאָרמאַציע פֿון אַ דיאַלעקט צו אַן אייגענער שפּראַך
- גראַפֿיזאַציע פֿון אַ שפּראַך
- שפּראַך־רעפֿאָרעמען, ווי אויסלייג־ אָדער גראַמאַטיק־רעפֿאָרעמען
- דער אויפֿלעב און איבערמאַך פֿון אַ שפּראַך
- מאָדערניזאַציע פֿון אַ אַשפּראַך
- סטאַנדאַרדיזאַציע
- פֿאַרשפּרייטונג פֿון אַ שפּראַך
- רייניקונג פֿון אַ שפּראַך

## ג. פּלאַנירונג־דימענזיעס




## ד. ייִדישע שפּראַך־פּלאַנירונגען און זייער ביפּאָלאַרע דימענזיעס

| | | |
|---|---|---|
| פּוריזם | כּנגד | פֿאָלקסשפּראַך |
| אויסבוי | כּנגד | אײַנבוי |
| איינציקייט | כּנגד | רעגיאָנאַליזאַציע |
| קלאַסיציזם | כּנגד | אינטערנאַציאָנאַליזם |

## ה. די סאָוועטיש־ייִדישע שפּראַך־פּלאַנירונגען

א. סאָוועטיש־ייִדישע שפּראַך־פּלאַנירער האָבן געוואָלט שאַפֿן אַ סאָוועטיש־ייִדישע קולטור אויף דעם פֿונדאַמענט פֿון ייִדיש, וואָס איז אין גאַנצן אָפּגעזונדערט פֿון דער ייִדישער טראַדיציע, פֿון העברעיִש און פֿון דער ייִדישער ״בורזשואַזיע.״

ב.סאָוועטיש־ייִדיש האָט געהאַט אַ קענטיקע פּוריסטישע טענדענץ וואָס שייך סײַ לשון־קודש, סײַ דײַטשמעריזם און אָרטאָגראַפֿיע.

ג. לגבי לשון־קודש איז מען געווען צום ראַדיקאַלסטן: אויסמײַדונג, אָפּשאַפֿונג, נאַטוראַליזאַציע.

ד. טענדענץ פֿון רעגיאָנאַליזאַציע אינעם זינען אַז סאָוועטיש־ייִדישע שפּראַך־פּלאַנירער האָבן געשטרעבט צו שאַפֿן נעאָ־לאָגיזמען אויפֿן סמך פֿונעם סאָוועטישן ווערטער־אוצר